ניייעס און באַריכטן
וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

נטורי קרתא
True Torah Jews

די באריכטן ווערן אַראָפגענומען פון די וועכענטליכע אָפדעטיס וואָס ווערן געהערט אויפ'ן "קול נטרונא" טעלעפאָן ליניע, און איז דעריבער, שטייגערליך, רעדאַקטירט ספעציעל עס זאָל דינען דעם מינדליכן באַנוץ. די פאָלגענדע נייעס איז אַ בלויזער ציטאַט דערפון וואָס מיר שיקן צוליב דעם גרויסן פאַרלאַנג, ככתבו וכלשונו.

פרשת נח תשע"ו

# שרעקליכע טעראר כוואליע וואס בודשעוועט אין ארה"ק פאַדערט באַלדיגע שריט פון הצלת ישראל

די אידישע וועלט איז באזארגט און פארטרויערט מיט די לעצטיגע מאורעות הדמים וועלכע שפילן זיך אפ אויף די גאסן פון ארץ ישראל, מחוץ תשכל חרב ומחדרים אימה. ווייטאגליכע בשורות קומען אן השכם והערב איבער ביטערע אטאקעס און שטעכערייען וועלכע האבן שוין ליידער אפגעקאסט זיבן אומשולדיגע קרבנות און נאנט צו הונדערט פארוואונדעטע ה"י.

דער יעצטיגער צושטאנד אין ארצינו הק' ווערט שוין אפיציעל באטראכט אלס א דריטער אינטאפאדע, וואס האט מאביליזירט די צערייצטע אראבישע באפעלקערונג צו אנזייען טעראר און רציחות אויף אלע ערליי אופנים, עס איז א חיוב אויף יעדען איד מתפלל צו זיין אויף אחינו בני ישראל יושבי ארץ הקודש, ויקראו אל אלוקים בחזקה וישבו איש מדרכו הרעה, אז זאלן ניצול ווערן מכל צרה וצוקה. וה' יאמר לצרותינו די.

דאס ארגסטע פון אלעמען איז דער טרויעריגער פאקטאר אז פרומע אידן שומרי תורה ומצות זענען ליידער פארוואנדלט געווארן אין א דירעקטן ציל ברעט פאר די טעראריסטן, בעוה"ר זענען מערערע פון רציחות דורכגעפירט געווארן אויף חרדי'שע אידן הי"ד, וואס איז געקומען צום קלימאקס ביי די גרויזאמע טעראר אטאקע אויף הקדוש רבי ישעי' עקיבא קרישעווסקי הי"ד אין הארץ פון ירושלים עיה"ק. אֵיכָה יוּעַם זָהָב יִשְׁנֶא הַכֶּתֶם הַטּוֹב תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת, בְּנֵי צִיּוֹן הַיְקָרִים הַמְסֻלָּאִים בַּפָּז אֵיכָה נֶחְשְׁבוּ לְנִבְלֵי חֶרֶשׂ.

## על הר ציון ששמם שועלים הלכו בו:

געווי ווי ביי די פארגאנגענע אינטעפאדע וואס איז פאראורזאכט געווארן צוליב אומפאראנטווארטליכע עלי' להר הבית פון אפיציעלע איזראעלי פאליטיקאנטן און האט ליידער אפגעקאסט צענדליגער אידישע קרבנות, דאס זעלבע ווערט דער יעצטיגער בלוט באד צוגעשריבן

קול נטרונא
באַריכטן • אָפהאַנדלונגען
אַנאַליזן • שיעורים • דרשות
718.873.0055

True Torah Jews Inc.
183 Wilson St. #162
Brooklyn NY 11211

Phone:
718.841.7053
Fax:
718.504.4513
Email:
Info@truetorahjews.org

מעמבערשיפ
מיט נטרונא
$360
לשנה

### רצון קדשו של מרן רבינו הקוה"ט זצוקללה"ה

... לדעתי אפשר לקבץ אפילו אלף אנשים מבני ישראל הכשרים שירצו להשתייך למסגרת זו... וזה יהיה כח גדול בע"ה...

**אם אין לנו קיבוץ מאוחד של אנשים הרשומים בחבורתינו, אז מבטלים אותנו ואת כל פעולותינו, ואומרים, מי הם ? וגם באמעריקא אף שמדינה זו מרובה היא באוכלוסין, מכל מקום חבורה של אלף איש נחשבת כחבורה חשובה, ואפשר לקבץ אנשים גם משאר מדינות, מחוץ לגבולות ארצה"ב.**

לכל פעולה שרוצים לעשות נחוץ כסף לדבר, ובלעדי מעות אינו אפשר לעשות כלום, ולדאבונינו אין הפרוטה מצויה... ואין בדעתי חיו להטיל עול של סכום גדול על יחידים, אלא חושב אני שכל יחיד יתן בסך הכל רק 10 דולר לשנה, בתור דמי חבר, ומזה יתקבץ לערך סכום של 10,000 דולר לשנה, ובסכום כזה אפשר בס"ד לפעול הרבה..

(מספר בוצינא קרישא)

# נייעס און באַריכטן

וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

צו די לעצטיגע אויפשטייג פון ראדיקאלע עקסטרעמיסטן וואס האבן געשאפן א טומל מיט נאכאנאנדיגע דעקלעראציעס און שריט צו באזוכן און באהערשן דעם הר הבית וואס האט געברענגט א חמה שפוכה ביי די אראבישע באפעלקרונג.

די הסתה איבער עלי' להר הבית האט זיך במשך די פארגאנגענע חדשים זייער צעפלאמט, איבערהויפט איז עס געווען דער מזרחי'סטישער חבר הכנסת ארי אריאל פון די הבית היהודי פארטיי וואס האט דעמאנסטראטיוו ארויפשפאצירט אויפ'ן הר הבית באיסור כרת און נאך מער געהויבן די צארן שטאפלן פון די אראבער, וועלכע זענען גרייט צו קעמפן צום טויט איבער א פגיעה אין זייער סטאטוס אויפ'ן הר הבית.

שלם ישלם המבעיר את הבעירה, ס'איז דער טרויעריגער מציאות אז די רוצחים זענען אויפגעהעצט געווארן דורך אט די מעשי רדיפה וואס איז דורכגעפירט געווארן דורך א.ג. רעליגיעזע היץ קעפ. אין די לעצטע תקופה זינט עס האט זיך פארמערט די עליות להר הבית אויף אן אפיציעלן פרעכן פארנעם האט מען כסדר געהערט דראאונגען פון די מוסלעמענער באפעלקערונג אז זיי וועלן דאס נישט פארשווייגן, אראבישע פירער האבן געסטראשעט מיט'ן ארגסטן אבער די ראשי הממשלה אינאיינעם מיט די רעליגיעזע עקסטרעמיסטישע גרופעס האבן ווייטער פארגעזעצט מיט די אומ'אחריות'דיגע שריט און מסכן געווען דעם ישוב אין ארץ ישראל וואס לעבט יעצט מיט טעג פון רציחות און פחדים נוראים ה' ירחם.

מען דארף נישט קיין סך באווייזן אז די פראוואקאציעס ביים הר הבית האבן געברענגט דעם פרעניות. שוין מיט אייניגע וואכן צוריק איז באריכטעט געווארן אז דער סעקרעטערי אוו סטעיט דשאן קערי האט גערופן ביידע זייטן פונעם קאנפליקט אין מיטל מזרח זיך אפצוטרייסלען פון די מהומות אינעם הר הבית וואס האט פאראורזאכט דעם בלוטיגן אויסגאנג. דער אינטעפאדע ווערט אפיציעל אנגערופן דורך די טעראריסטישע גרופעס ווי א קאמף פאר אל-אקצא, דער אראבישער מעטשעט אויפ'ן מקום המקדש. כאמאס און אנדערע גערופעס שיקן רעגולערמעסיג ארויס מעסעזשעס צו הענצן די געמיטער אז די אראבער אין ארץ ישראל דארפן קעמפן פאר'ן הר הבית.

אויף די סאציאלע מידיא און אנדערע קאמיוניקאציע פלאטפארמעס ווערן פארשפרייטן גרויליגע קאריקאטורן און ווידיאו וואס רופן צו אומברענגען אידן רח"ל, ווען אין אונטערגרונד זעט מען דעם אל-אקצא מעטשעט אויפ'ן הר הבית אלס א קלארע אנזאג על מה יצא הקצף. צום באדויערן זאל אנגעמערקט ווערן אז ליידער זענען מערסטנס פון די קאריקאטורן געמאלן אויף חרדי'שע אידן מיט היטן, פאות און בערד. די רעליגיעזע ראדיקאלן מיט זייער חרדישען אויסזעהן האבן מיט זייער מסוכנ'דיגע פעולות גורם געווען דער פרומער איד איז פארוואנדלט געווארן אין א מטרה לחיץ פאר די רוצחים, און ווי מען זעט טאקע לדאבון לב אז א שרעקליכע פראצענט פון די קרבנות זענען נעבעך אידן שומרי תורה ומצות, וואס פאלן אומשולדיג בידי זדים באשמתם פון די וואס האבן אנגעצינדן דעם פייער און פאכן ווייטער מיט'ן רויטן שמאטע פאר די צעווילדעוועטע חיות.

## דער בייזוויליגער מזימה צו אנצינדן א פייער פון "מלחמת דת":

ביבי נתני' דער איינציגער מענטש וואס וואלט





בשל מי הרעה הזאת – די בילדער פון חרדישע אויסזען | וואס זענען עולי להר הבית זענען מעורר די חימה שפיכה פון די אראבער

נטרונא True Torah Jews

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

געקענט אפשטעלן די וואנזיניגע עליות להר הבית, און דער ראש הממשלה וואס איז געבעטן געווארן דורך די אמעריקאנער רעגירונג צו רעאגירן שנעל אז די פלאמען זאלן בארואיגט ווערן, האט אבער קיין סאך נישט געטון. פארקערט, מיניסטארן פון זיין רעכטן קאבינעט האבן זיך געדרייט אויפן הר הבית און געגעבן רייצעריש סטעיטמענטס פאר די וועלט איבער דאס אידישע בעלות אויפ'ן ארט. די רעגירונג האט צוגעלאזט אז די סוטאציע זאל ארויסגיין פון קאנטראל והקולר של דם ישראל תלוי בצוארם.

עס איז אנגעוויזן געווארן דורך פילע, און אויך דער נשיא המדינה ריבלין האט דאס עטוואס ערוועגט די וואך, אז די רעכטע פאליטיקאנטן אין שפיץ פונעם ראש הכופרים ביבי נתני' האבן געהאט א קלארער חשבון ביים צולאזן די מהומות אויפ'ן הר הבית גרייכן אזא געפארפולען שטאפל. די מיליטאנטן אינערהאלב די רעגירונג זענען אויסן אז דער קאנפליקט אינעם מיטל מזרח זאל אננעמען א סטאטוס פון א 'מלחמת דת'. דאס הייסט אז עס זאל נישט דינען ווי א קאמף אויף שטחים אדער פאליטישע תנאים נאר ענדערש ווי א קאמף קעגן מוסלעמענער רעליגיע קעגן די אידישע וועלט ה"י.

אזא אויסקום איז פאר די ציוני'סטישע אידעלאגיע ווי געוואונטשן. דאס וועט לויט זייער האפענונג אויסברייטערן דעם אויפברויז אויך צו מוסלעמענער איבער די גאנצע וועלט, און אנזייען אומעטום שרעק פאר אידן. די מדינה פירער קוקן ארויס אויף אזא געלעגנהייט אז דער קאמף זאל נישט זיין באגרעניצט נאר אויף לאקאלע טעמעס, נאר אידן איבעראל זאלן שפירן באדראעט, אזוי ארום קען מען אגיטירן פאר מאסן עליות און אידן האט א סימפאטיע פאר די מדינה, ווייל מען שפירט אויף די אייגענע הויט רדיפות פון אויפגעברויזטע אראבער.

די האלב - אפיציעלע צושטימונג פון די איזראלישע פירער צו אנצינדן א פייער איבער דעם הר הבית סטאטוס איז געווען א בייזוויליגע שפיצל צו אפפאכן א העלישע "מלחמת דת" און ארויסנעמען פון די כלים דעם אראבער אין אייראפע, אזיע, און אמעריקע. דאס וואלט זיי





געגעבן דעם געלעגנהייט צו שפילן פייער - לעשער און געניסן פון שטיצע און מאסן עליות דורך דערשראקענע אידן.

ליידער האט דער חשבון טאקע גורם געווען אזויפיל שפיכת דמים אין ארה"ק אבער אידן איבער די וועלט זענען ב"ה דערוויל ניצול געווארן פון די סכנה, אודאי דארפן אידן איבעראל רחמי שמים אז דאס פייער זאל זיך נישט חלילה צעשפרייטן מיט אטאקעס קעגן אידישע קינדער, אבער שטייענדיג שוין עטליכע וואכן אין די מהומות האט מען נישט געהערט פון איבערפאלן אויף אידן אין חוץ לארץ, השי"ת זאל ווייטער האלטן די רעכטע האנט ברוב רחמיו וחסדיו המרובים.

פארשידענע הוכחות ציינן אז אט דער גינסטיגער פאקטאר איז הויפטזעכליך א תוצאה פון דעם גרויסן פרסום וואס דאס יהדות החרדית האבן געמאכט אינעם עבר צו אויפקלערן פאר די וועלט אז די אידישע געמיינדעס בארצות פזוריהם זענען נישט פאראנטווארטליך פאר די ציוני'סטישע אקטיוועטעט.

שלך לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנה.

עס געדענקט זיך גוט וויאזוי מוסד הק' נטרונא האט במשך דעם פארלאפענעם יאר, ביי די געשיכטעס פון טעראר אין פראנקרייך דענמארק און אנדערע אייראפעישע לענדער, געהאמערט אומאויפהערליך מיט דעם זעלבן מעסעזש, אז טעראריסטן וועלכע אטאקירן אידן ברענגען גאר נוצן פאר דאס ציונות. טעראר קעגן אידישע קינדער ווערט אויסגענוצט דורך די מדינה פירער צו אגאנזשירן מאסן עליות און אויסנוצן די געפילן צו בויען א סימפאטיע צו די מדינה.

דער מעסעזש איז ב"ה אויסטערליש אויפגעכאפט געווארן און ווערט נאך ביז'ן היינטיגן טאג ציטירט דורך פארשידענע מאכטפולע פיגורן וואס שפילן א ראלע אין דעם דעת הקהל פון מיליאנען אראבער, צווישן זיי אזעלכע מיט הונדערטער טויזנטער נאכפאלגער אויף די מידיא נעצן. ווי וואונדערליך עס הערט זיך, דערמאנען זיי כסדר דעם ארגומענט וואס נטרונא האט דעמאלט פארשפרייט, אז אטאקירן אידן איבער אויפברויז אויף די איזראלי רעגירונג איז נישט ריכטיג און ברענגט פארקערטע רעזולטאטן.

ס'איז א געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס מען זעט בחוש אז ווען מען טוט דאס ריכטיגע איז פאראן אן עזר ממעל. די פרסומים האבן באוויזן זיך קובע זיין ביי פאלאסטינער שטיצער איבער די וועלט אויף אזוי ווייט אז מען האט כמעט ניטאמאל געהערט פון קיין פראטעסטן קעגן אידישע צענטערן א.ד.ג. אנדערש ווי ביי פריערדיגע קאנפליקטן אינעם מיטל מזרח וואו אידן אלוועלטליך האבן געהאט אויסצושטיין פון מאסן דעמאנסטראציעס, אפיציעל קעגן איזראעל, אבער האבן זיך טיילמאל געווענדעט מיט געוואלדאטן אקעגן אידן ה"י. ביי דעם יעצטיגן קריזיס איז בולט א געוויסע רואיגקייט אין אידישע צענטערן וואס איז נישט געווען בעפאר. כה יעזור ה' להלאה.

פארשטענדליך אז די ציוניםזענען נישט צופרידן דערפון. ווען אידן אין חוץ לארץ ווערן געשעדיגט איז דאך עס א חיזוק פאר זייער פראפעגאנדע און עלי'. אויב אבער זענען אידן רואיג איז דאך עס א

# נייעס און באַריכטן

וואס זענען לעצטענס געליפערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

פ ג ם
"כי אינעם
מ'דזשרוסלעם תצא תורה" וואס
די מדינה גלייכט אזוי צו מוטיגן. ווען ביבי האט
געזעהן אז נאר אידן אין ארה"ק ווערן ניזוק רח"ל

האט ער גע'אסר'ט די עלי להר הבית פאר די חברי הכנסת ביז א פרישע מעלדונג. במשך די פארגאנגענע טעג איז טאקע געווען מערקווירדיג ווי די ציוני'סטישע אינטערעסן האבן זיך פרובירט ארויפצוכאפן אויף יעדע מינדערוויכטיגע

אינצידענט אין אידישע געגנטער מיט דער האפענונג אז דאס האט א שייכות מיט'ן מיטל מזרח קאנפליקט. עטליכע מאל איז ברייט באריכטעט געווארן אין די פרעסע איבער פלעשער וואס זענען געווארפן געווארן דורך שיכור'ע גוים אין ברוקלין, די ציונים האבן געוואלט ציען א שטריך צו די געשעענישן אין ירושלים אבער אין אלע פעלער האבן פאליצייאישע אויספארשונגען געוויזן אז דאס זענען געווען אינדיווידועלע פאסירונגען וואס מאכט זיך טאג טעגליך אן קיין שום פארבינדונג צו אידן און אראבער ב"ה.

דאס זעלבע האט מען מיטגעהאלטן ווי די מדינה האט געזוכט צו פארשפרייטן קלאנגען איבער א אנגעבליכע גזירת גירוש אויף אידן אין תימן. דער סגן השר איוב קרא פון ביבי נתני'ס הליכוד פארטיי האט זונטאג דערשראקן די אידישע וועלט מיט א מעלדונג אז תימן וויל צווינגען אירע אידישע בירגער זיך צו איסלאמיזירן אויב זיי ווילן נאך געניסן פון שוץ אונטער זיי. למעשה האט זיך שפעטער ארויסגעשטעלט אז די שמועות זענען אומבאגרינדעט און זענען נישט באשטעטיגט געווארן דורך קיין שום אפיציעלע קוואל אינערהאלב די תימן'ער געמיינדע, די אידן אין תימן זענען בכלל אין א שווערע מצב צוליב די דארטיגע אומרוען אבער גארנישט ספעציעל איז יעצט געשעהן, ס'איז אלזא געווען נאך א קלאסישע דוגמה פון ציוני'סטישע הפקירות כדרכם כסל מאז ומתמיד. אויך ווען אידיש בלוט גיסט זיך נעבעך אין ארץ ישראל איז מען פארנומען צו טומלען און אפשרעקן אידישע געמיינדעס.

## נטרונא רעאגירט מיט השקפת התורה צו בלוטיגע געשעענישן:

עת לעשות לה'. שוין באלד ביים אנהויב פון די בלוטיגע אומרוען האט נטרונא פארעפענטליכט אן ארטיקל וואו עס ווערט ערקלערט בטוב טעם ודעת די ארגינעלע אידישע התנגדות צו אזעלכע רייצערישע שריט ווי ארויפגיין אויפ'ן הר הבית און רופט צו די וועלט מען זאל נישט נעמען אידן פאראנטווארטליך אויף מעשי התגרות פון

# דברי שלום ואמת

קריאה אשר פרסם מרא דארעא קדישא מרן **הגרי"ח זאנענפעלד** זצוק"ל להעם הערבי בארה"ק אחרי פרעות תרפ"ט (נתפרסם ב"קול ישראל" י"ט חשון תר"צ)

זה יובל ושבוע מעת שזכני ה' לעלות לאה"ק, לרצות את אבניה ולחונן את עפרה. ההשגחה זכתה אותי להיות עד ראיה בהקמת חורבות ירושלם ת"ו, להרחבת ישובה מחוץ לחומת העיר, בתים נבנו ושכונות נתיסדו. הקימו בתי חסד וצדקה, מוסדי תורה ועבודת אלקים. גם בתי מלאכה נסתדרו אנשים הנהנים מיגיע כפם וממסחר עלו לארצנו הקדושה.

בימי שבתי באה"ק, העיר ה' את רוח יחידי סגולה לקיים מצות ישוב ארץ ישראל גם בעבודת קרקע, לאכול מפריה ולשבוע מטובה, ולקיים מצוות התלויות בארץ, ובעזרתו יתברך נתכוננו מושבות ביהודה והגליל אשר הי' לי אח"כ העונג להתהלך בם, ולתת שבח והודיה למציב גבול אלמנה.



כותל המערבי, המקום אשר לא זזה שכינה ממנו, גם בחורבנו, הי' מקום מקלט לשפיכת הלב של כל תושבי אה"ק. בכל שעה אשר נפש ישראל צמאה לקרבת אלקים, כל תחינה כל תפלה אשר לב יהודי רחש, והלך אל המקום הקדוש הזה, ועלתה תפלתו השמימה ורווח לו.

המקום הקדוש הזה משמש גם לתלפיות לכל העולם כולו, פזורי ישראל בארצות הכי רחוקות מכוונים את לבם בתפלתם אל מקום משכן שכינה זה, ובצר להם פונים הם אל אחיהם בירושלם לערוך תחינה עבורם אצל כותל המערבי הזה.

לשפיכת שיח זו לא היתה שעה קבועה, גם ביום וגם בלילה לא פסקה רגל יהודים מפינה קדושה זו, גם אותי חנני ה' להיות בין המבקרים במקום הזה, וגם לי לא היתה שעה קבועה לכך, והרבה פעמים עומדות היו רגלי במקום הקודש הזה, שעה מאוחרת בלילה, יחידי ובודד ביני ובין מי ששכן שמו בבית הזה, וכל עשרות השנים הללו, גם אחרי אשר באה הארץ תחת המנדט של ממשלת הוד מלכותו ממשלת בריטניא הרוממה יר"ה, שר שלום והשקט בארץ. **שוכני ארץ, אשר לא מבני ישראל המה, הביטו בעין טובה על הפרחת הישוב.** שנאת הדת אשר בעוה"ר מצאה להם מהלכים בכמה ארצות בחו"ל לא היה לה מקום בארץ זו המקודשת מכל הארצות. עושה שלום במרומיו פרש את סוכת שלומו על הארץ ועל העיר אשר בחר בה, ולא היתה פרץ וצוחה ברחובותינו. **נכבדי השכנים הוקירו את היהודים והיהודים רכשו אהדה והכרה לשאר התושבים, ובמקרים לא מעטים נעזר חלק האחד ע"י חברו, כראוי ומתאים לשכנים שקטים הרוצים יחד בהצלחת ארץ מושבם. גם הערבים עצמם ידעו ויודעים שהיהודים דורשים שלומם וטובתם, ומביאים ברכה לארץ כולה,** וכולם יחד קוו ליום ה' הגדול אשר בו ישוב שכינתו לציון להשיב לה את קדושתה ותפארתה אשר היו לה בימי קדם, להיות לאור גוים וממלכות.

והנה עתה אוי לנו שכך עלתה בימינו, רוח סועה וסער מתחולל על יהודי אה"ק, שנאה מקלקלת את השורה ודבות שוא משתרשות, הגורמות לשפיכות דם נקי ולחורבן של ישובי קדש, עפר אה"ק רוה דם נפשות טהורות וזכות וקול דמי אחים צועקים אלינו מן האדמה.

לצערנו הגדול נפוצו עלילות שוא אשר אוהבי מדנים בו מלבם, ואשר הכניסו כונות רעות על התושבים היהודים למען העלות חימה ולנקום נקם ולהפוך את ארצנו הקדושה השקטה לשדה קטל ומקום פורעניות ח"ו. התוצאות הקשות של הריב והמדנים מביאים הפסד מרובה להישוב כולו, ואם המצב ימשך ח"ו עוד יותר, עלול הוא להמיט שואה וחורבן על הישוב כולו ועל עשרות רבבות תושביה.

בן שמנים שנה אנכי היום ולימי זקנתי יסרני ה' לראות בערעור יסודי הישוב שנבנה במשך תקופות שנים, בעמל נפש ובזיעת אף של אנשים אשר מסרו נפשם עליו, ואשר טפחו ורבו גבורי כח מתוך חיבת הקודש ומתוך הרצון העז ליסד ישוב ארץ ישראל על מכונו.

**הנני פונה איפוא אל כל חלקי התושבים שבארצנו הקדושה וביחוד אל אלה אשר לא מבני ישראל המה, ומקרב לבי הנאנח והנדכא הנני מבקש לחוס על אה"ק ולומר למלאך המשחית: הרף! הסירו שנאה מלבבכם** ואל תתנו להשלות אתכם במשאות שוא ומדוחים של אנשים אשר בזדון או בשגגה, מתוך הנחות מוטעות, מתאמצים הם להפרות פירוד בין חלקי התושבים.

אל תטו אזניכם לדיבות ועלילות שאין להם כל יסוד, היהודים תושבי אה"ק אין דורשים ח"ו רעת יתר התושבים. הם רוצים כאשר כל יושבי הארץ, ומטוב הארץ טוב לכל היושבים בה. **היהודים אינם רוצים להצר את רגלי שאר התושבים**, ואה"ק היא ארץ צבי אשר עם הרחבת הישוב והתפשטותו, מקום יש לשכון שלום בה לכל היושבים ואין אחד נוגע בחברו אפילו כמלא נימא.

**היהודים אינם רוצים בשו"א לפשוט ידם במה שאינו שלהם, ומכש"כ לפגוע בזכויות שאר התושבים על המקומות המוחזקים להם, שהם רוחשים להם כבוד ויחס של קדושה. וביחוד אין שום יסוד להשמועה שהיהודים רוצים לרכוש את הר הבית.** אדרבא, מעת שמפני חטאינו גלינו מארצנו וחרב בית מקדשנו ואין לנו הטהרה הראויה עפ"י התורה, אסור לו לכל איש מישראל להציג כף רגלו על מגרש הר הבית, עד אשר יבא משיח צדק הולך תמים אשר ברוח ה' אשר תהא נוססת עליו לצדק ימלוך מלך לאושר כל הבריאה כולה, וישיב לנו הטהרה הראויה עפ"י התורה.

אנו מבקשים רק שישאירו לנו את המקום היותר קדוש אשר נשאר לנו לפליטה, מקום כותל המערבי, שנהי' יכולים גם הלאה לשפוך שיחנו לפני אבינו שבשמים על כל צרה שלא תבא ח"ו, ובכל עת אשר יכמה נפש ישראל למקום הקדוש הזה בלי מפריע ומתוך דעה מיושבת כמאז ומעולם.

אני מגלה את דברי לפני כל. ואני מקוה שכל חסידי אומות העולם יכירו בצדקת הדברים ובההכרה לעשות את כל ההתאמצויות ואפשרוית להחזיר את השלום לאה"ק ולהסיר את החשדות והקנאה מלב כל התושבים, ואז ירצה ה' מעשינו ויכונן את מעשי ידינו לראות בבנין ארצנו הקדושה והפרחתה לאושר כל העולם כולו וישרה שכינתו בתוכנו כבשנים קדמוניות.

המחכה לישועה קרובה

**יוסף חיים זאננענפעלד**

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

עקסטרעמע יחידים.

אינעם ארטיקל ווערט אויך דערמאנט דעם היסטארישן בריוו "דברי שלום ואמת" געשריבן דורך דעם מרא דארעא דישראל הגרי"ח זאנענפעלד זצ"ל אין די ביטערע תקופה פון די תרפ"ט פאגראמען, צו שטילן דעם צארן פון די אראבער און מקיים זיין דעם דרשו את שלום העיר אשר הגלתי אתכם שמה.

דער ארטיקל שרייבט צווישן אנדערע:

ווען ווילדע קאנפליקטן איבער *דעם הר הבית האט אויסגעבראכן אין יאר תרפ"ט האט הגאון רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל, דער רב פון די ארטאדאקסישע געמיינדע פון ירושלים, פארעפנטליכט א רירנדע אפיעל צו די אראבישע באפעלקערונג צו לעבן אין פרידן מיט די אידישע געמיינדע, און זיי פארזיכערט אז אידן פארמאגן נישט קיין שום באהאלטענע פלענער צו אוועקנעמען דעם הר הבית אדער סיי וועלכע אנדערע אראבישע שטחים, ער האט געשריבן ווי פאלגענד:*

*די אידן ווילן נישט, אין קיין שום פאל, אוועקנעמען דאס וואס איז נישט זייער. און זיי טוען קלארשטעלן זיי ווילן נישט טשעפן די רעכטן פון די אנדערע איינוואוינער צו די ערטער וואס ווערט געהאלטן דורך זיי, וואס זיי האבן דערצו א רעספעקט און זען עס פאר הייליג. איבערהויפט איז נישט פארהאן קיין שום גרונד צו די קלאנגען אז אידן ווילן באקומען דעם הר הבית. פארקערט, זינט מיר זענען פארטריבן געווארן פון אונזער לאנד אין גלות, צוליב אונזערע זינד, און אונזער הייליגע בית המקדש איז חרוב געווארן האבן מיר נישט די ריכטיגע טהרה וואס די תורה פארלאנגט, און עס איז פארבאטן פאר יעדן אידישן מענטש צו אראפשטעלן א פיסטריט אויף די ערד פונעם הר הבית, ביז די אנקום פון משיח צדקינו.*

*אין דעם ארטיקל ווערט צוגעצייכנט דער ארגינאלער בריוו פון הגאון רבי יוסף חיים זי"ע וואס איז געדריקט געווארן אויף אראביש און פארעפנטליכט אין די אראבישע צייטונגען בשעתו. און עס פירט אויס:*

*עס איז די פליכט פון יעדן איד צו קלארשטעלן אז אט די פראוועקאצירער טוען אונז נישט רעפרעזענטירן. און סיי ווער עס איז אין א פאזיציע צו באיינפלוסן מתנחלים און זייערע שטיצער וואס ווילן באזוכן ירושלים און מעגליך ארויפגיין אויפ'ן הר הבית, האט ער דעם חיוב זיי צו ערקלערן די הארבקייט פון דעם איסור און די פליכט פאר אידן זיך אויפצופירן בדרכי שלום און מיט אחריות אין אזא צייט.*

אנהויב די וואך איז ערשינען א פייערדיגע כרוז פונעם בית דין צדק העדה החרדית אין ירושלים עיה"ק וואו זיי ווידערהוילן דעם דעת תורה פון די גדולי ישראל אשר מפיהם אנו חיים איבער דעם שרעקליכן איסור פון עלי' להר הבית און די ביטערע סכנה וואס דאס ברענגט אויפ'ן גאנצן ישוב אין ארה"ק אדאנק די פאלשע נאציאנאליסטישע איידיע פון ווייזן מאכט און בעלות אויף דעם מקום קדוש.

נטרונא האט זיך באלד זיך באמיעט צו איבערטייטשן דעם אויפרוף פון בית דין און עס באקאנט מאכן קבל תבל ומלואה. דער בריוו איז טאקע טראנסעלירט געווארן און איז ברייט פארשפרייט געווארן אויף אלע ערליי קאמיניוקאציע מיטלען. באזונדער איז עס ארומגעשיקט געווארן צו פארשידענע הויכראנגיגע קוועלער וועלכע זענען פארוויקלט אין דעם מיטל מזרח קאנפליקט און האבן א דעצידירנדע ראלע אין די אקטן פון די פאלאסטינער.

**די הסברה און פירסום פאר אחינו בני ישראל יושבי ארץ קודש איז כהיום יום פיל שווערער ווי אמאל, צוליב דעם פאקט אז אין די היצטיגע מיליטאנטישע קאליציע שפילען די חרדים א הויפט פאקטאר, די בילדער וואס קורסירען ארום פון די עולים להר הבית זענען פון אידן מיט א היימישען אויסזעהן, די מתנחלים מיט זייער אנגייענדע התגרות זענען אידן מיטן בארד און פיאות.** אבער מעט אור דוחה הרבה מן החושך, נטרונא ארבעט ברוב עוז ותעצומות לאמור למלאך המשחית הרף.

די עסקנים האט גלייכצייטיג באוויזן צו שאפן קאנטאקטן מיט א רייע מאכטפולע נייעס אגענטורן און מידיא לייט, איבערהויפט אזעלכע פרעסע אגענטורן וועלכע ווערן גענוצט דורך די מוסלעמענער באפעלקערונגען איבער די וועלט און אין מיטל מזרח, דערונטער פארשידענע פאפולערע אראבישע מאגאזינען און מידיא נעצן,

קל ________________ **אפס בלתך**

### בשעת מתן תורה כבר הזהיר הקב"ה לישראל שלא לעלות לארץ ישראל קודם הזמן

בעלי התוספות

ד"א והגבלת את העם סביב (שמות יט, יב). רמז והגבלת את העם, תגביל את ישראל בגלויות סביב סביב, מסביב ירושלים וסביב ארץ ישראל. השמרו לכם עלות בהר, רמז השביע את ישראל **שלא** לדחוק **את** הקץ ושלא לעלות **לארץ ישראל קודם הזמן**, כדכתיב "השבעתי אתכם בנות ירושלים מה תעירו וגו', וזהו השמרו לכם עלות בהר, בהר זו ארץ ישראל והר הבית. ונגוע בקצהו, (צ' בתגין) רמז שלא יגעו לבנות את ביהמ"ק קודם זמנו.

ד"א ונגוע בקצהו שלא ירחקו את הקץ ולא ידחקו. וזהו ונגוע בקצהו ולכך בקצהו תגין על ישראל. מות יומת **לא** תגע בו יד כי סקול יסקל, **כל** המהר **לא** יחיה, **כל העולה קודם הקץ** שעבוד הגלות, היובל זה השופר שנאמר יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים, וזהו במשוך היובל המה יעלו בהר, וכתיב והשתחוו לה' בהר הקדש בירושלים. (תוספות השלם עה"ת פרשת יתרו, ירושלים תש"נ)

# נייעס און באַריכטן

וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

וואס ווייטער ווערן לופטערן דעם ריכטיגן אידישן מעסעזש פאר די מיליאנען מוסלעמענער אז אידן זענען דירעקט נישט פאראינטערעסירט אין מלחמה, און אודאי זענען עס תורה טרייע אידן וועלכע צילן נישט צו טשעפענען מיט זייער צוטריט צום הר הבית. ועוד ידינו נטוי' בעזר השם.

## וועלט - באַרימטער נטרונא וועבזייטל ווערט פריש רענאווירט:

בנוסף צו די אלע וויכטיגע פעולות הפרסום האט נטרונא זיך יעצט איינגעווארפן אין א היסטארישע פרישע אונטערנעמונג, צו דורכפירן א קאסטבארע רענאוואציע פראיעקט אויף דעם בארימטן וועבזייטל פון נטרונא, וואס וועט אריבערגיין א פולשטענדיגע באנייאונג צו קענען זיין אהערגעשטעלט אויפ'ן היינטיגן סטאנדארט וואס פארלאנגט זיך לויט די פארגעשריטענע טעכנעלאגיע. א פראיעקט וואס וועט אפקאסטן צווישן דרייסיג און פופציג טויזנט דאלער, געוואנדן אין די שלימות פון דעם אונטערנעמונג און אין די נדבת הלב פון אחים לדעה.

עס איז איבעריג צו באטאנען דאס נחיצות פון דעם זייטל וואס דינט היינט צוטאגס ווי א צענטראלע פלאטפארמע פאר'ן יהדות החרדית און האט שוין געצויגן מיליאנען באזוכער זינט איר גרינדונג. דער וועבזייטל שטעלט מיט זיך פאר א ריזיגע קוואל פון ריכטיגע אינפארמאטיווע מאטריאל איבער די אידישע שטעלונג צו ציונות, באגלייט מיט היסטארישע און באלערנדע אינפארמאציע וואס האט נישט זיינס גלייכן אין דער היינטיגער טעכנעלאגיע וועלט.

דער "וועבזייטל" פון נטרונא פונקציאנירט שוין לאנגע יארן מיט א געוואלדיגע ערפאלג און הצלחה, באזירט אויף די הייליגע הוראה פון רביה"ק זי"ע איבער דעם חיוב מפרסם צו זיין פאר די אומות העולם אז די ציונים זענען נישט די פארטרעטער פון כלל ישראל. עס איז באקאנט רצון קדשו אריינצולייגן רעקלאמעס אין די ניו יארק טיימס, און מען זאל מפרסם זיין אויף די ראדיא דער קאמפראמיסלאזער שטעלונג פונעם יהדות החרדית, ווייל דאס איז בימים ההם געווען דער געצייג וויאזוי מען איז אנגעקומען צום גוי. דער רבי האט בשעתו געשריבן אויף דעם ענין פון מפרסם זיין דעם התנגדות לציונות פאר'ן גוי בלשו"ק: "וצריך בכל פעם לנסות דרך חדש", איז דאך זיכער אזוי אין אונזער עפאכע ווען ס'איז דא די גרינגערע און פיל - מער עקפעקטיווע מיטל פון צושטעלן אינפארמאציע אויפ'ן וועבזייטל פאר מיליאנען באזוכער.

דער היינטיגער "אינטערנעט" טוט אנטהאלטן אין זיך דער גאנצער וועזן פונעם גוי, אנגעהויבן פון זיין צייטונג, זיין נייעס ברענגער, זיין טעלעוויזיע, זיין ראדיא און זיין אינפארמאציע ברענגער אויף יעדע טעמע אין דער וועלט. אין פאקט איז נישט פארהאן א מציאות היינט פון פראמינענטע קאמפאניע, גרופע, אידיעלאגיע אדער באוועגונג, וואס האט נישט קיין וועבזייטל, אן דעם הייבט זיך גארנישט אן.

איבערהויפט איז עס דער זייטל פון נטרונא וואס שטייט ווי דער בריח התיכון אין דעם קאמף קעגן דעם טומאת הציונות, אלע אקטיוויטעטן וועלכע זענען שוין געטון געווארן אינעם עבר לגבי דעם פרסום השקפת התורה, זענען טאקע געווען פרוכטבאר מיט געוואלדיגע רעזולטאטן, אבער ענדגילטיג קומט אלעס צוריק צום וועבזייטל. כל הנחלים הולכים אל הים, אויף יעדע ראדיא מעסעזש, אויף יעדע פרעס רעליס און אויף יעדע פעולה פון נטרונא ווערט צוגעצייכנט דעם



# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

אדרעסע פון דעם זייטל, און הונדערטער טויזנטער מענטשן וואס הערן איבער תורה טרייע אידן און זענען פאראינטערעסירט זיך צו באקענען מיט די תורה אידעאלאגיע באקומען זייער ענטפער אויף דעם וועבזייטל, וואס גיט א קלארקייט אין די גאנצע טעמע און האט שוין געטוישט די מיינונגען פון אומצאליגע מאסן אין צענדליגער וועלט'ס לענדער, אריינגערעכנט אראבישע לענדער וואו טויזנטער באזוכן דעם זייטל.

ס'איז דערפאר קריטיש וויכטיג אנצוהאלטן דעם געוואלדיגן איינפלוס וואס דער זייטל האט ב"ה, און צולייגן כסדר פרישע אפדעיטס עס צו האלטן "אפ - טו - דעיט" מיט די נייעסטע טעכנעלאגיע פארשריט. דאס איז דער כלי מלחמה וואס שלאגט זיך מיט די כוחות הטומאה אויף א טאג טעגליכן פארנעם און דער שופר וואס רופט אויס דעם קול התורה והאמונה אויף אן אלוועלטליכן פארנעם. אז מען איז מפרסם מיט די אלטע טעכניק, פארלירט דער מעסעדזש איר משמעות אין חשיבות בעיני שרים ורוזני ארץ.

באמת איז שוין אינעם עבר אינוועסטירט געווארן ריזיגע געלטער און כוחות צו פונדאסנייַ רענאווירן דעם זייטל אויף א היינטיגע אויסשטעל און פארנעם. מיט די הילף פון אידן נדיבים בעם האט מען דאן ב"ה אהערגעשטעלט א הערליכע ארבעט וואס איז טאקע קענטיג געווען אויף די הויכע "רעיטינג" וואס דער זייטל האט באקומען בעבר ביי די גוגל פירמע. אבער יעצט שטייענדיג מיט עטליכע יארן שפעטער, איז פארשטענדליך די פארגעשריטענע וועלט געשפרינגען מיט פילצאליגע שטאפלן פאראויס, און נטרונא מוז נאכקומען דעם סטאנדארט כדי נישט צו פארלירן חלילה אונזער אנערקענונג און פאפילאריטעט.

ווי ערוועגט האט נטרונא זיך אריינגעלאזט אין א זייער טייערן פראיעקט, מען האט געהייערט א פראפעסיאנאלע פירמע מיט די בעסטע מומחים אין דעם געביט אהערצושטעלן א דבר השלם וואס זאל גוט אויסנעמען ביי די מיליאנען באזוכער מכל קצוי תבל. די ארבעט וועט אריינציען אין ריזיגע סומעס ביז פופציג טויזנט דאלער, געלט וואס איז נאך דערווייל נישטא.

אלס דער ערשטער שטאפל איז שוין אינוועסטירט געווארן אין א ספעציעלע באקוועמע ווערסיע פאר דאס מערהייט פון די גוים וועלכע קוקן היינט די אינטערנעט דורך די טעלעפאנען. און מען שפאנט פאראויס צוצולייגן נאך פילע אפציעס און באקוועמליכקייטן וואס פארלאנגט זיך דורך "גוגל" צו באקומען דעם בעסטן 'רעיטינג', דער גאנצער סטרוקטור ווערט איבערגעפרישט מיט פאסיגע מפתחות און אנדערע נוצבארע דעטאלן. עס ערווארטעט צו זיין א געוואלדיגע ארבעט וואס זאל ארויפברענגען דעם זייטל צו דעם העכסטן ניווא אויף א פראפעסיאנאלן ניווא ווי קיינמאל בעפאר.

באזונדער איז אויפגעברענגט געווארן אין די נטרונא אפיסעס א הצעה וואס קען בעז"ה שאפן א רעוואלוציע אין דעם גאנצן אופן הפרסום דורך פרעזענטירן רעגלסמעסיגע ווידיא רעקארדירונגען ביי יעדע טעמע וואס עפעקטירט תורה טרייע אידן, מיט קורצע אבער דייטליכע מעסעזשעס איבער די מאורעות הזמן בהשכל ובדעת.

בנוסף צו דעם ביז - יעצטיגע איינשטעל פון ארויסשיקן ארטיקלען און געשריבענע רעאקציעס צו די פארשידענע נושאים פון התגרות באומות, האפט מען צו אהערשטעלן כסדר אזעלכע קורצע ווידוא רעקארדירונגען, וואו נטרונא ווארטזאגער וועלן איבערגעבן דאס ווארט פון שלומי אמוני ישראל און באקעמפן די פריווען פון ציוני'סטישע אינטערעסן צו מחלל זיין דעם שמים און מסכן זיין אידישע קינדער חלילה.

יעדער וואס איז עטוואס באקאנט אין די היינטיגע סאציאלע מידיא וועלט פארשטייט אז אזעלכע רעקארידונגען קענען האבן א פענעמאנעלע השפעה אויף אומצאליגע טויזנטער. מיר ווייסן דאך אז א בילד רעדט מער פון טויזנט ווערטער, און זיכער אזוי ווען עס ווערט כסדר פרעזענטירט לעבעדיגע ווידיאוס אויף די ענינים העומדים על הפרק וואס קען אין מינוטין ארומגעשיקט און געזען ווערן דורך מיליאנען גוים אומעטום. אזעלכע מעסעזשעס וועלן זיין די בעסטע לעזונג צו די פארשידענע א.ג. אידישע ארגאניזאציעס וואס זענען מבאיש ריח אידן מיט התגרות באומות'דיגע לאזונגען, עס וועט ארויפברענגען דעם געוואלדיגן פרסום דעת תורה צום קומענדיגן שטאפל און זיכער זיין אן



די מתנחלים מיט די בארד אין פיאות ביי זייער ארבעט... די מעשה רדיפה אויף כלל ישראל רח"ל

# ניעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

אויסטערלישן
קידוש ה' והצלת ישראל מיד
ולדורות.

דא עקא אז כדי דאס צו ערמעגליכן פעלט זיך אויס צו אפקויפן און איינרישן די סאפיסטיקירטע טעכנאלאגישע כלים און אלעס ארום. עס איז יעצט אפן די מעגליכקייט פאר אידן וואס ווילן זיך איינהאנדלען דעם זכות עולם צו צושטאנד ברענגען דעם פעולה, מען קען זיך פארבינדן צום נטרונא אפיס פאר מער דעטאלן וכל הרוצה ליטול את השם יבא ויטול.

בכלליות וועט די גאנצע רענאוואציע אונטערנעמונג אפקאסטן א הון תועפות אבער די נטרונא שטאב איז אנטשלאסן דאס דורכצופירן קוקנדיג מיט א ניכטערן בליק אויף די געוואלדיגע רעזולטאטן וואס דאס האט געברענגט בעבר און וועט וועט ברענגען בעזר השם, אפצו שלאגן די התגרות באומות פעלט אויס די ריכטיגע געצייג און א מאכטפולע כלי מלחמה אין די מלחמה לה' בעמלק, וואס איז א "מוז" אין דעם גרויסן חילול ה' וואס ווערט פאראורזאכט השכם והערב דורך די מסכני כלל ישראל.

ס'איז ידוע א צחות פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע וואס פלעגט זאגן אז פאר א מקוה איז דא ווייניג נדבנים ווייל עס פארמאגט נישט קיין אויבן - און... אויך די גרויסע זכותים פון קידוש ה' והצלת ישראל האבן טאקע נישט קיין געהעריגן אויבן אן, אבער וואויל פאר די אידן וואס האבן דעם דעת צו מחזק זיין דעם כבוד שמים אין אזא צייט. כלפי שמים גליא וועלכע אידן האבן זיך געקימערט פאר די אינטערעסן פונעם מלך, ויקשב ה' וישמע ויכתב בספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחושבי שמו.

נטרונא ווענדט זיך מיט א הארציגן רוף צו אידן וועלכע פארשטייען דעם גרויסן נחיצות אין דעם פרסום האמונה וקידוש ה', נעמט א טייל אין די ריזיגע הוצאות און קויפט אפ די אייביגע זכותים נצחיים דורך באצאלן און אפקויפן חלקים פון די עבודת הקודש. ואם לא עכשיו אמתי, יעצט ווען עס ברענט דער פייער איז אונזער חיוב צו לעשן, כי לולא התמהמהנו כי עתה שבנו זה פעמים, ווער ווייסט וויפיל שפיכות דמים און חרון אף אויף אידן מען וואלט געקענט פארמיידן אינעם עבר מיט א מער סאפיסטיקירטע כלי מלחמה, לאמיר פארזיכערן אז מיר קענען נישט זאגן ידינו לא שפכו את הדם הזה, מיר האבן געטון אלעס אין אונזער מעגליכקייט צו שיצן אידישע קינדער פון די ציוני'סטישע אוואנטורעס. הבו גודל למקדשי ה', הרימו את תרומת הקודש.

ווער עס וויל ארויסהעלפן מיט דעם טייערן
און קאסטבארן פראיעקט:

**ביטע קאנטאקט**
**347 625 5866**

True Torah Jews
183 Wilson St. P.M.B. 162
Brooklyn NY 11211

NON-PROFIT
US POSTAGE
PAID
POSTAGE
PLUS INC.
POSTAGE PLUS INC
845.577.POST (7678)